# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א

## חג הפסח שנת תשפ״א לפ״ק

ארויסגעגעבן דורך
״קרן הדפסה היכל הקודש״

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

**קול**
**ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די**
**אידישע שטוב**
**212-444-9169**

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

# שיחות וספורים

## חומרות מיט שמחה

קמח) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "א מענטש איז בארעכטיגט צו האבן אלע חומרות אין שטוב, אבער עס מוז זיין פרייליך אין שטוב. עס זענען דא שטובער וואו מען פירט זיך מיט חומרות, אבער דאס גייט נישט צו מיט נערוון, עס גייט צו מיט א מורא'דיגע שמחה, עס איז באמת פרייליך דארט, דאס איז די ריכטיגע וועג; און עס זענען דא שטובער וואו די חומרות גייט צו מיט ביטערקייט און אנגעצויגנקייט וכו', אזוינע חומרות איז שוין נישט כדאי, ווייל די קינדער פון די שטובער ווילן נישט האבן מיט יום טוב".

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט אלץ: "דער עיקר דארף מען זען טון די מצוות מיט שמחה, מיט חיות; ווען מען טוט די מצוות מיט א חיות מיט א געשמאק גייט דאס אריין אין די קינדער, די קינדער ווילן אויך טון די מצוות, די קינדער וואקסן אויף מיט א ליבשאפט צו די מצוות".

## כשר לפסח

קמט) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: איין יאר ערב די פסח טעג ווען איך האב געענדיגט כשר'ן דעם קיך ביי מיינע עלטערן אינדערהיים און דערנאך ביי מיין זיידע הגאון הצדיק דער קארלסבורג'ער רב זכר צדיק לברכה בין איך אריינגעגאנגען צו מיין זיידע אים געזאגט: "זיידי די קיך איז כשר פאר פסח, איך האב אלץ געמאכט אזוי ווי מען דארף". ווען ער האט דאס געהערט האט ער זיך זייער געפריידט ער האט געשמייכלט און ער פרעגט: "אפשר קענסטו אויך מיר כשר'ן אויף פסח"? דער ראש ישיבה זאגט

די ווערטער זענען ארויס פון זיין הארץ מיט אזא אמת, מיט אזא תמימות, מיט אזא לויטערקייט, איך בין מורא'דיג נתעורר געווארן דורך דעם צו תשובה, "ווען וועל איך שוין זיין 'כשר'"?!

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: איך האב געזען ווי אזוי מען גרייט זיך צום יום טוב, מען בעט דעם אייבערשטן: "רבונו של עולם העלף מיר איך וויל זיך כשר'ן, איך וויל ארויסנעמען פון מיר אלע שלעכטע בליעות, אלע חמץ, אלע קשיות וואס איז איינגעזאפט אין מיר".

## גלייבן איז מער ווי זען

קנ) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: איין יאר נאכ'ן סדר פון מיין גרויסער זיידע דער קארלסבורג'ער רב זכר צדיק לברכה, האט זיך אנגערופן אן אייניקל - א קליין קינד און געפרעגט: "זיידי, דו האסט געזען אליהו הנביא ביים סדר?" דער קארלסבורג'ער רב זכר צדיק לברכה האט זיך אויסגעדרייט צום קינד, און געזאגט מיט א ליבליכן שמייכל: "גלייבן איז מער ווי זען"...

דער ראש ישיבה שליט"א חזר'ט אסאך דעםווארט: "גלייבן איז מער ווי זען", ווען דער מענטש זעט נישט, שפירט גארנישט, ער איז צובראכן און צעקלאפט, דאך גלייבט ער אינעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער וועט אים נאך העלפן, דאס איז מער חשוב ביים אייבערשטן ווי ווען מען זעט און מען שפירט וכו'.

## מצה איז א רפואה

קנא) איינער האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א, היות

ער עסט א גאנץ יאר נאר ספעלט[א] ווייל דאס איז אים לייכטער אויפן מאגן, צי ער זאל קויפן ספעלט מצה אויף פסח אדער מצה איז דאך א מאכל פון רפואה פעלט נישט אויס.

האט דער ראש ישיבה געזאגט: "ספעלט מצה איז די זעלבע מיכלא דאסוותא... פארוואס איז ביי דיר ספעלט מצה ווייניגער מצה ווי די געווענטליכע? קויף די מצה וואס איז פאר דיר געשמאק און לייכט, און פון דעם וועסטו האבן א רפואה".

## חיזוק פאר יענעם

קנב) א איד איז געקומען צום ראש ישיבה שליט"א זיך אויסרעדן איבער זיינע שוועריגקייטן וואס ער גייט אריבער און ער טראגט דאס ממש נישט אריבער. דער ראש ישיבה שליט"א האט פרובירט צו מחזק זיין דעם איד "עס איז נישט עק וועלט, דער אייבערשטער וועט דיר העלפן וכו'", אבער דער איד האט זיך נישט געלאזט טרייסטן, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן צו אים: "אויב קומט אריין א מענטש יעצט, און רעדט זיך אויס צו דיר און זאגט דיר ער גייט יעצט אריבער ממש די זעלבע צרה ווי דו, וואס וואלטו אים געזאגט, וויאזוי וואלסטו אים מחזק געווען"? דער איד האט געשמייכלט אביסל, האט דער ראש ישיבה שליט"א ווייטער געזאגט: "די ווערטער מיט וואס דו וואלסט מחזק געווען א צווייטן וואס גייט אריבער די זעלבע שוועריגקייטן ווי דו, די ווערטער זאלסטו חזר'ן פאר זיך אליינס און מיט די ווערטער זאלסטו זיך מחזק זיין".

........................

[א] כוסמין

## מתנה

קנג) א אינגערמאן האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א, ער האט געהאט א קינד און ער וויל וויסן וואס ער זאל קויפן פאר זיין ווייב א מתנה, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "די קינד וואס דער אייבערשטער האט ענק געשאנקן ברוב רחמיו וחסדיו, דאס איז די טייערסטע און שענסטע מתנה פאר ענק"...

## נישטא קיין פרנסה

קנד) דער ראש ישיבה שליט"א האט געפרעגט א אינגערמאן א תלמיד פארוואס ער ארבעט נישט, האט דער אינגערמאן געזאגט ער קען נישט טרעפן קיין ארבעט, האט דער ראש ישיבה געזאגט "דו טרעפסט נישט קיין ארבעט?! קוק וואס מען טוט, מען נעמט א שטיקל פאפיר מען שרייבט: 'א טויגליכער אינגערמאן זוכט אן ארבעט און איז גרייט אנצונעמען סיי וואס פאר א ארבעט', מען הענגט דאס אויף אין בית המדרש, ביז א טאג-צוויי האסטו ארבעט". דער אינגערמאן האט געפאלגט און ביז א טאג צוויי האט אים איינער אנגע'שדכ'נט א פיינע ארבעט.

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט שטענדיג בשם מוהרא"ש: "מען שטארבט נישט פון 'הונגער', עס זענען דא מענטשן וואס שטארבן צוליב 'כבוד', עס פאסט אים נישט אנצונעמען די פאסטן אדער יענע ווייל 'איך בין דאך אן איש מכובד, זאל איך זיך דערנידערן און אננעמען א פשוט'ע פרנסה'?! אבער פרנסה איז דא גענוג און נאך פאר ווער עס זוכט נישט דוקא א 'מכובד'דיגע פרנסה'".

# מקנא זיין

קנה) דער ראש ישיבה שליט"א רעדט צו אונז אלץ מיר זאלן נישט מקנא זיין אנדערע, יעדער איינער האט פראבלעמען, עס איז נאריש צו מקנא זיין אנדערע.

איינמאל איז געקומען א אינגערמאן צום ראש ישיבה שליט"א און געזאגט, עס איז געווען אין די זומער וואכן ווען מען געפונט זיך אין קאנטרי, ער האט גרויסע נסיונות, ער הערט נישט אויף טראכטן פון אנדערע פרויען, ער קען נישט אויפהערן טראכטן אז די פרוי וואלט ווען געווען פאר אים בעסער ווי זיין פרוי, יעדע מאל ער זעט אין קאנטרי מאן און ווייב קומען און גייען עסט ער זיך אויף, 'פארוואס האב איך נישט חתונה געהאט מיט דעם', דער ראש ישיבה שליט"א האט אים געזאגט: "גלייב מיר דו האסט די בעסטע חתונה געהאט, זיי נישט מקנא די אנדערע, אלע האבן זייערע פראבלעמען". האט דער אינגערמאן געזאגט פארן ראש ישיבה שליט"א: "דער ראש ישיבה איז קיינעם נישט מקנא ווייל דער ראש ישיבה ווייסט יעדנ'ס פראבלעמען, יעדער איינער קומט דערציילן וואס גייט אריבער, מען דערציילט די שוואכקייטן און די שוועריגקייטן, אבער איך ווייס דאך נישט יענעמ'ס פראבלעמען, פאר מיר איז ביטער שווער, איך שפיר ווי איך ווער פארברענט איך האב נישט קיין מוח איך האב נישט קיין כח. האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט מיט רחמנות און געזאגט: "דאס ביזטו דאך מודה אז איך ווייס אלעמענ'ס פראבלעמען, נו זאלסטו מיר גלייבן אז עס איז נישטא וועמען מקנא זיין, גלייב מיר דו האסט דאס בעסטע חתונה געהאט, גיי אהיים פריי זיך מיט דיין ווייב דאנק דעם אייבערשטן אויף די נס וואס ער האט געטון מיט דיר".

ווער עס דרייט זיך ביים ראש ישיבה שליט"א ווייסט אז דער ראש ישיבה שליט"א איז אלץ מחזק די אינגעלייט וואס האבן די

פייגלעך אין קאפ, די וואס טראכטן 'איך וואלט ווען געקענט בעסער חתונה האבן', דער ראש ישיבה כאפט גלייך זייערע מחשבות און רעדט צו זיי חיזוק זיי זאלן נישט פארגעסן ווער זיי זענען, זיי זאלן נישט פארגעסן וואס זענען זיי געווען, זאלן זיין א מכיר את מקומם דאנקען דעם אייבערשטן אויף די ווייב וואס זיי האבן.

נאך האט דער ראש ישיבה דערציילט: א איד איז געקומען צו הרב הגאון ר' חיים קנייבסקי זאל זיין געזונט, און געפרעגט היות ער האט זיך געקויפט א טייערע און שיינע קאר, וויל ער וויסן אויב ער מעג דאס פארקירן פארנט פון זיין הויז אויפ'ן גאס, צי דאס וועט אפשר צוברענגען די שכנים זאלן מקנא זיין, האט הרה"ג ר' חיים געפרעגט דעם איד: "האסטו שוין אמאל געענדיגט א מסכתא"? האט דער איד געזאגט אז נישט, האט ר' חיים געזאגט: "אויב דו האסט נאך קיינמאל נישט געענדיגט א מסכתא קענסטו לייגן דיין קאר וואו אימער דו ווילסט, קיינער וועט דיר נישט מקנא זיין, נישטא מיט וואס דיר מקנא זיין"...

## אמונה קען מען נישט אפפרעגן

קנו) דער ראש ישיבה שליט"א דערציילט: דער הייליגער צדיק ר' יהונתן אייבשיץ זכר צדיק לברכה איז אמאל געווען ביי א סיום פון איינער פון זיינע תלמידים, האט ער געבעטן פון אלע וואס זענען געווען ביים סיום זאלן זאגן א דבר תורה לכבוד דעם סיום, אלע אידן דארט האבן געזאגט שיינע תורות, דער א פשט'ל, דער א דרוש און אזוי ווייטער. צום לעצט האט זיך אויפגעשטעל א פשוט'ער תמימות'דיגער איד און געזאגט: "איך בין נישט קיין תלמיד חכם אזוי ווי אלע אנדערע אידן דא, איך קען נישט זאגן קיין גרויסע תורות, איין תורה קען איך זאגן", דער איד האט זיך אויפגעשטעלט, ארויפגעלייגט זיין האנט אויף די אויגן און אויסגערופן הויעך: "שמע

ישראל ה' אלוקינו ה' אחד"...

אלע וואס זענען דארט געווען האבן זיך צעשמייכלט פון די תמימות פון דעם איד... אבער דער הייליגער ר' יהונתן אייבשיץ רופט זיך אן: "לאכט נישט, אלע תורות און פשט'לעך וואס איר האט געזאגט, קען איך גרינג אפפרעגן און צעווארפן, אבער די פשוט'ע ווערטער וואס דער איד האט געזאגט, "עס איז נאר דא איין איינציגער הייליגער באשעפער אויף דער גאנצער וועלט" - דאס קען מען נישט אפווענדן".

## עצתו אמונה

קנז) דער ראש ישיבה שליט"א זאגט כסדר פאר די אינגעלייט מען זאל לערנען די וועכנטליכע קונטרסים פון עצתו אמונה שבת, עס ליינט זיך גאר אנדערש די בריוו שבת קודש, עס גייט אריין טיף אין הארץ, נאכ'ן ליכט צינדן ווען מען גייט אין שול זאל מען דאס לאזן די ווייב ליינען און שפעטער נאך די סעודה ליינען דאס די מענער.

דער ראש ישיבה שליט"א געזען א אינגערמאן דאנערשטאג נאכמיטאג ליינען די עצתו אמונה, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: איך בעט דיך, האלט דיך איין ווארט אויף שבת".

א בחור האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א אויב ער זאל לערנען עצתו אמונה איידער ער לערנט זיינע שיעורים כסידרן אדער נאכדעם, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "לערן עצתו אמונה ווייל דאס וועט דיר מאכן לערנען אלע דיינע שיעורים".

א בחור האט געפרעגט פונעם ראש ישיבה שליט"א וויאזוי ער קען מפיץ זיין צווישן זיין משפחה, צומאל שעמט זיך א מענטש צו נעמען א ספר אדער קונטרס פון א משפחה קרוב, האט דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "ווען דו שטייסט איין א שבת ביי משפחה

קרובים וכדומה, לאז איבער אן עצתו אמונה מיט דיין נאמען אויפן טיש, וועסטו זען וואו עס וועט ווערן געליינט".

## לשון הרע

קנח) דער ראש ישיבה שליט"א האט גזאגט איבער א געוויסע בית המדרש וואס האט אפגעברענט: "דאס איז צוליב דעם וואס דארט איז פארגעקומען מיטונגען קעגן די ישיבה, מען האט דארט גערעדט לשון הרע קעגן די ישיבה, חז"ל זאגן א הויז וואו מען רעדט לשון הרע ווערט פארברענט".

## א שיינע חלקה אין בית החיים

קנט) ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געהערט אז איינער פון די איינוואוינער אין קרית ברסלב ליבערטי בויעט זיך איבער זיין הויז שוין צום צווייטן מאל, האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט פון יענעם: "אין דיין חלקה אין בית החיים וועסטו אויך ארייןלייגן אזויפיל געלט?!"...

שפעטער האט דער ראש ישיבה שליט"א געפרעגט פון א תלמיד: "איז דא נאך איין רבי וואס קען דאס זאגן פאר זיינע תלמידים?"...